STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01132

DEM TOG ANTKEGN

Yuri Suhl

*Permanent preservation of this book was made possible
by Norman D. & Ann F. Katz
in memory of
Joseph & Bertha (Schechter) Katz*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעם חבֿר

בען-ציון [illegible]

[illegible]

[illegible]

1939

מ. א. סול

דעם טאָג אַנטקעגן

פאַרלאַג „סיגנאַל"
באַם פראָלעטפען
ניו־יאָרק — 1938

Copyright, 1938, by
YURI SUHL
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 WEST 21st STREET
NEW YORK, N. Y.
255

מײַן שטאָם

דעם טאָג אַנטקעגן

דער באַגינען האָט מיך היינט געטראָפן
באַ מיין אַרבעט פיבערדיק און וואַך;
כ׳האָב געשלייפט, געהובליעוועט די סטראָפן,
וואָס כ׳האָב אימפעטיק געשריבן דורך דער נאַכט.

דער זייגער האָט היינט האַסטיקער געשלאָגן
ווי ער וואָלט אין האַרץ באַ מיר געלעגן —
טיק־טאַק—איך וועל אַ גרויסע שאָ דעריאָגן.
טיק־טאַק—איך וועל ניט אויסלאָזן קיין רעגע.

דאָס בעט איז ליידיק און פאַרבעט —
כ׳האָב היינט אַפילע דאָס געלעגער ניט צענומען.
איז גוט וואָס איך בין איצטער אַ פּאָעט
און דאַרף דעם אומרו מער ניט העפקערדיק צעברומען.

איז זייגער קלאַפּ — און האַרץ מיינס שלאָג!
די צייט איז הייס, מען טאָר ניט פאַלן אונטערוועגנס.
אַ גרוס דיר נייער קומענדיקער טאָג!
איך גיי מיט פרישע לידער דיר אַנטקעגן.

מיין שטאַם

כ׳האָב היינט פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג מיט מיינע לידער —
די אַלטע צוגעשלייפט און אָנגעשריבן נייע.
כ׳האָב לאַנג שוין ניט געזונגען — זינג איך ווידער
דאָס ליד פון שטרייט, פון גלויבן און באַפרייאונג.

איך ווייס וואָס הייסט צו זיין אַצינד אַ דיכטער,
איך ווייס וואָס הייסט איצט אָנשרייבן אַ ליד,
ווען ס׳שרייבט מיין קלאַס אין בלוט דער וועלטס געשיכטע
מיט יעדן שאָס ביים טויער פון מאַדריד.

וואויל איז דעם וואָס זינגט אין היינטיקן יאָרהונדערט —
אין פרייען פערז צי אין געטאָקטן גראַם;
און גייט ניט אום מיט זיך אַליין באַזונדער,
נאָר ווי אַ בוים איז ער פאַרוואָרצלט מיט זיין שטאַם; —

דעם אָדלער־שטאַם וואָס האָט באַזיגט די רוימען,
ווייל ר׳האָט דאָס לעבן אויף דער ערד אַוועקגעשטעלט.
דעם בויער־שטאַם פון טורעמס און פון טרוימען —
דעם שטאַם וואָס גייט דעראָבערן די וועלט.

דאָס אויג איז קלאָר און דער געדאַנק איז ניכטער.
דאָס האַרץ איז רייף און לויטער דאָס געמיט.
איך ווייס וואָס מיינט צו זיין אַצינד אַ דיכטער:
איך ווייס וואָס הייסט איצט אָנשרייבן אַ ליד.

געבורטסטאָג ליד

יעדער טאָג אין יאָר איז אַ געבורטסטאָג
פאַר צען, פאַר הונדערט, פאַר מיליאָנען,
נאָר מאָדנע —
כ׳האָב קיינמאָל זיך אין מיינעם
ניט געקאָנט דערמאָנען.

עס האָט אַמאָל, באַם כאַסמענען,
מיך שטרענג געפרעגט אַ דאָקומענט:
— ווי אַלט און ווען געבוירן?
איז די פען געבליבן שטיין —
ווי זי וואָלט שרייבן ניט געקענט —
מיר האָבןביידע זיך פאַרלוירן.

עס האָט אַמאָל דער בריוו־טרעגער
געטאָן אַ פייף,
געלאָזט אין טיר אַ קאַרטל שטעקן,
אַ קאַרטל מיט אַ בלימל און אַ שלייף,
און גראַמען אויך אַ פּאָר אין זיידנס אויסגעשטריקט:
— צו דיין אַזויפיל־און־אַזויפילדיקן יאָר. —
— זיי באַגליקט.

און איך אַליין האָב נישט געוואוסט,
אַז ס׳איז דער טאָג פון מיין געבוירן.
איך האָב דאָס קאַרטל אָנגעקוקט —
דאָס קאַרטל מיך,
מיר האָבן ביידע זיך פאַרלוירן.

איצט קוקט אויף מיר דער קאַלענדאַר
מיט אַלע איין־און־דרייסיק טעג,
און ס'דאַכט זיך, אַז ער וואונדערט זיך,
און ס'דאַכט זיך, אַז ער פרעגט:
ס'איז היינט אַ טאָג אין יאַנואַר
און דו ביזט אַזוי אויפגעלייגט.

איך מיש די בלעטלעך אויף צוריק
און ס'רוישן טעג מיר ראַש פאַרביי,
טעג פון צאַפלדיקער פרייד,
פון לערנען גיין זיך אַפדאָסניי.
דאָס פינפטע יאָר אַ באָלשעוויק —
דאָס פינפטע יאָר אין דער פאַרטיי.

איז וואָס, אַז כ'האָב אַזויפיל טעג
ביז יענעם טאָג פאַרלוירן.
אַז איך פאַרמאָג דאָס גרויס פאַרמעג
פון זיין אַפסניי געבוירן.

איז וואָס, אַז כ'האָב אין יולי גאָר
געטאָן דעם ערשטן אויסגעשריי,
אַז כ'האָב צו דריי־און־צוואַנציק יאָר
געדאַרפט אַ שריי טאָן אויפדאָסניי.

אין יולי ז'מיין געבוירן־טאָג,
נאָר ס'הויבט זיך אָן אין יאַנואַר,
אין יענעם טאָג ווען ס'הויבט זיך אָן
מיין נייער קאַלענדאַר.

כ׳האָב ליב

1

כ׳האָב ליב דעם בוים געוואָרצלט טיף
אין שטורעמדיקסטן וועטער;
נאָר ליבער נאָך האָב איך דעם ווינט,
וואָס לויפט אום זאָרגלאָז ווי אַ קינד
און צופּט פון בוים די בלעטער.

כ׳האָב ליב דעם טייך, וואָס רואיק פליסט
און שמייכלט מילד אַנטקעגן.
נאָר ליבער נאָך האָב איך דעם יאַם,
וואָס פּאַטשט אַקשאָנעסדיק דעם צאַם
פון אַלע זיינע ברעגן.

כ׳האָב ליב די רו פון ווינטער־טעג,
פון דעכער שניי באַדעקטע;
נאָר ליבער נאָך האָב איך די מי,
וואָס קומט מיט פרילינגדיקן בלי
אַף פעלדער אויפגעוועקטע.

אַ שטוב מיר גיב מיט זון אַסאַך,
מיט וואַרעמקייט מיט עכטער.
אַ מענטש אַ פריידיקן, וואָס טוט אַ לאַך
מיט לויטערן געלעכטער.

און יענעם ברויז פון מיין געמיט
אין טעג, אין קאַמף צעגליטע,
ווען ס׳שלאָגט מיט פראָסטער קראַפט מיין ליד,
דאָס פריש, דאָס הייס־געשמידטע;

ווען גאַסן ווערן רוישיק־ענג
מיט אונדזערע קאָלאָנען —
און איך — אין פריידיקן געדרענג
פון פלאַטערדיקע פאָנען.

פון לאַנד צו לאַנד

דער יאַם איז שטיל און איך באַם ברעג
לויף נאָך דער ווייטקייט מיט מיין בליק.
און פאָר מיט יעדער שיף אַוועק
און קום מיט יעדער שיף צוריק.

דער יאַם איז שטיל און איך באַם ברעג
פאַרוואַרף פון לאַנד צו לאַנד אַ בריק,
און טראָג אַ גרוס אַהין אַוועק
און ברענג אַ גרוס פון דאָרט צוריק.

שאַנכאַי. מען לויפט. מען שטעלט זיך אָפּ.
באַם וואַנט געשמידט אַ קאָמוניסט.
מען צילט אין אים דריי ליופּעס בליי,
נאָר ער האַלט הויך און שטאָלץ דעם קאָפּ.
די לעצטע ווערטער זיינע: — שיסט,
עס לעבט, עס זיגט די קאָמפּאַרטיי!

בערלין. עס טריקנט ניט דאָס בלוט פון מיינע ברידער
אויף דער האַק פון האַקנקרייץ,
און ס'ווערן טויב די קאַרצער־ווענט פון אונדזער וויי־געשריי.
נאָר אָט — ס'האָט אונדזער האַנט שוין ווידער
די גאַס מיט פלוגבלעטלעך פאַרפלייצט:
— עס לעבט, עס זיגט די קאָמפּאַרטיי!

מאָסקווע. דער טאָג איז העל מיט זון און מיט אָקטאָבער,
דאָס פאָלק טאַנצט אויס די פרייד אין מיטן גאַס,
און ס'הילכט מיט לאָזונגען דער סאָבוועי און טראַמוואַי:
— מיר האָבן שוין אַ זעקסטל פון דער ערד דעראָבערט!
— עס לעבט, עס זיגט די קאָמפּאַרטיי!

דער יאַם איז שטיל, און איך באַם ברעג
לויף נאָך דער ווייטקייט מיט מיין בליק,
און פאָר מיט יעדער שיף אַוועק,
און קום מיט יעדער שיף צוריק.

ס׳איז גוט אַמאָל

ס׳איז גוט אַמאָל אָן דר׳ערד די באַק צו קילן
און צו קייען אין דער וועלט אַריין אַ שטרוי,
קינדעריש זיך מיטן גראָז צו שפּילן
און ווי אַ קינד צו שמייכלען — גלאַט אַזוי.

ס׳איז גוט אַמאָל אַף דר׳ערד זיך אויסצוציען,
אינמיטן פעלד אַנטקעגן הימלס בלוי,
און זען ווי ס׳קומען פייגל אָן צו פליען
און נאָכפליען די פייגל — גלאַט אַזוי . . .

ס׳איז גוט אַמאָל אין שטילקייט פון באַגינען
זיך אָנשפּיגלען אין מאָרגנדיקן טוי,
און אין געררויש פון זשומענדיקע בינען
אַליין אַ זשום טאָן — גלאַט אַזוי . . .

ווינטער

דער ווינטער שטייט שוין בײַ דער שוועל
מיט פראָסט־צעפלאַמטן פּאָנעם
און מיט קאָלנער אויפגעשטעלט.
אָט, אָט,
דאָס לעצטע בלאַט פאַרוועלקט,
דער לעצטער טאָג פון האַרבסט צערינט.
איז וואָס וועט זיין מיט די,
וואָס וואוינען אין דער גאַנצער שטאָט
און דעקן זיך צו מיטן ווינט?
כ׳האָב ליב ווען דעכער שטעלן אויס די לאַנגע סטראָמפּאַל־ציין,
ווען רינוועס ווערן קאַפּענדיק פאַרפראָרן,
ווען אויף שויבן־קאַנוועס מאָלט דער ווינטער זיך אַליין
אין פראָסטיקע אוזאָרן.
נאָר וואָס וועט זיין,
אָ, וואָס וועט זיין,
מיט די וואָס הילן זיך אין צייטונגס־שאַלן איין
און דרימלען שטייענדיק אין פרעמדע קאָרידאָרן?

דער ווינטער שטייט שוין בײַ דער שוועל
מיט פראָסט־צעפלאַמטן פּאָנעם
און מיט קאָלנער אויפגעשטעלט.

אין מיטן גאַס

צוויי עדיסאָן-וועגעלעך
האַלטן זיך באַ די הענט,
אַ וועכטער דרימלט
און אַ לעמפּל ברענט.

אין מיטן גאַס אַ גרוב,
ווי אַ קייווער גרויס;
ס'דאַכט זיך:
ס'האָט דער וועכטער איינגעדרימלט,
איז דער מעס אַרויס

און מיט לעצטן טראָפּן קויעך
קוים זיך צוגעשאַרט צום וואַנט —
אַ קלימיק אַפּן אַקסל,
אַ קלימיקל אין האַנט.

— וואָס טוסטו אַלטיטשקע
אין דרויסן אַזוי שפּעט?
זי קוקט און שווייגט און גלויבט ניט
אַז סהאָט ווער צו איר גערעדט.

זי אָטעמט אַסטמעדיק
און סאָפּעט מיט אַ כריפּ,
ווי דער קרעכץ פון אַלטע שטיגן,
אונטער שווערע טריט.

אַרום איר ציטערדיקן גוף
דער לעדערנער פּאַס,
ווי אַ לויזע רייף
אַף אַ צעפּאַלנדיקן פּאַס.

— וואָס טוסטו אַלטיטשקע
אין דרויסן אַזוי שפּעט?
זי קוקט און שווייגט און גלויבט ניט:
אַז צו איר האָט ווער גערעדט.

אַ מענטש אַזאַ

ער איז אַ מענטש אַזאַ,
וואָס מעסט די ווערטער זיינע
ווי ער מעסט די טריט, —
וואָס זעט אין יעדן לופט־צוג אַ געפאַר
און טראָגט אַף טעצעלעך אַרום
זיין איך — דעם אינדיוויד.

ברייטלעך האָט דער אומעט זיך צעלייגט אויף זיין געמיט.
ווי אַ קאַץ באַם אויוון
אין אַ רעגנדיקן טאָג
ברומט ער שטענדיק צו אַן אומעט־ליד
און זאָגט:
איך בין אַ מענטש אַזאַ.
ער ציט זיך אייביק צו דער קליאַמקע פון אַ נייער טיר,
און בלייבט ווי אַ פאַרגליווערטער אין דרויסן שטיין.
ער גייט ניט ווייטער פונעם דרויסנדיקן ריר,
ווייל ס׳בינדט דער צווייפל אים,
ווי ס׳בינדט די ערד צו זיך אַ שטיין.

און טרעפט ער מיך אַמאָל אין גאַס,
ווייכט ער מיך ווי אַ געפאַר.
נאָר אַז מען רעדט שוין, זאָגט ער:
ווייסט דאָך ווי כ׳האָב ליב דעם אַרבעטער־קלאַס,
נאָר פאַרשטייסט —
איך בין אַ מענטש אַזאַ.
איך בין אַ מענטש אַזאַ . . .

אָט דאָ האָב איך היינט אָנגעקלאַפּט
אין טיר

אַ קעלער־שטוב ווי אַלע קעלער־שטיבער,
דער טאָג שטייט אַ גאַנצן טאָג אין דרויסן
און שפּאַנט די שוועל ניט אַריבער.
דער „על" לויפט אום אויף נערוון־שינעס,
האַמערט אין די אויערן
און בלויז אין ווינטער איז די פייכטקייט אויף די ווענט פאַרפרוירן
— אָט דאָ האָב איך היינט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

אַ פּראָסטער טיש,
אַ טרוקן שטיקל ברויט מיט זאַלץ,
אַ שיטער ביסל קאַווע.
פליייש און פּוטער איז אַ יאָנטעוודיקער כאַלעם;
בלויז קאַרטאָפליעס איז די טעגלעכע פּאַטראַווע —
אָט דאָ האָב איך היינט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

אַ פרוי אַ בלייכע האָט אַ קוק געטאָן דערשראָקן.
אַ קינד איז צוגעלאָפן אין די הוילע זאָקן.
און באַם טיש — ווי ס'וואָלט אים גאָרנישט מער געאַרט,
איז דער מאַן געזעסן ווי פאַרשטאַרט.

קיין וואָרט פון אים, קיין וואָרט פון איר,
דאָס קינד עס רוקט זיך אָפּ פון מיר,
און אַלע דריי בלויז פרעגן מיטן בליק:
ווער ביזטו און וואָס ווילסטו,
ווער האָט נאָך דיר געשיקט?

— ווער איך בין און וואָס איך וויל.
אין שטוב ווערט שטילער נאָך ווי שטיל.
זיי קוקן אָן מיך אַלע דריי.
— איך קום צו אייך פון מיין פּאַרטיי
און כ׳האָב אַ וואָרט מיט זיך געבראַכט,
אַ וואָרט —
וואָס טרייבט אַרויס פון העלן טאָג די נאַכט.

דאָס וואָרט איז בוים און שאָף און רינד,
דאָס וואָרט איז שיכלעך פאַרן קינד,
דאָס וואָרט איז זון און הימל־בלוי,
און בלומען פריש פון קילן טוי,
דאָס וואָרט איז ברויט און פלייש און זאַלץ,
דאָס וואָרט איז אַלץ,
וואָס איז מיט לעבן בלויז אַ גראַם.
דאָס וואָרט איז דו, און דו און איך,
דאָס וואָרט איז: אונדזער שטאַם.

אַ וואָרט פון אים, אַ וואָרט פון איר,
דאָס קינד איז אָפן שויס באַ מיר.
און ציט פון לאַץ אַרויס דאָס לעניו־קנעפּל
איך גיב עס אים און טו אַ גלעט זיין קעפּל.
אַ וואָרט פון אים, אַ וואָרט פון איר,
— אַ גלעזל טיי ?
— אַ דאַנק, איך גיי.
און אַלע דריי באַגלייטן מיך צום טיר.

צום ערשטן מאָל

עס ווערט אַ סאָפּע אונטער לייבל'ס הענט
און ס'האָצקען צו די „פערדלעך" —
דאָס אָפּהאָלסטערער געשטעל —
דאָס העמערל כאַפּט שנעל די טשוועקלעך פון מויל
און לייבל טראַכט: ווי גרינג עס קלאַפּט זיך היינט —
און לייבל קוועלט.

נאָך אַ שאָ און נאָך אַ שאָ —
עס גליטשט דער טאָג זיך פון די הענט אַרויס.
ער טוט אַ קוק — די זון איז דאָ
און זעצט זיך גלייך באַ אים אין סאָפּע
אויף דער שויס.
געוויינלעך קומט זי שפּעט,
ערשט העט באַטאָג שוין אַפן וועג צוריק.
נאָר היינט —
טאָקע נאָר ווי ער וואָלט פאַר איר די סאָפּע אויסגעבעט
און די בלימעלעך אין זיידנס אויסגעשטריקט.

לייבל בעט דעם „אָרעם" אויס
און גלעט אים פאָרזיכטיק אַרום;
עס קלאַפּט דאָס העמערל אין ריטמישן ציק־ציק.
דער שאָפּ איז פול מיט שטויב, מיט שטולן און מיט זשום —
און לייבל האָט דעם גאַנצן שאָפּ איצט אין זיין בליק.
עס דאַכט זיך אים: ניט קיין טשוועקלעך —
געדאַנקען קלאַפּט דאָס העמערל איצט אויס:

פאַראַיאָרן און פאַר צוויי יאָר און פאַר דריי —
דער זעלבער שטויב אין האַלדז,
די זעלבע טשוועקעס צווישן ציין.
נאָר ווען געקומען איז דער טאָג פון ערשטן מאַי
איז ער פון שאָפּ אַרויס —
אַליין.

נאָך אַ צי און נאָך אַ קלאַפּ,
נאָך אַ טשוועקעלע פון מויל אַ כאַפּ
און נאָך אַ גלעט די סאָפּע.
די זון האָט מיט אַ בלימל זיך פאַרשפּילט
און שפּילנדיק זיך — איינגעשלאָפן.
און ער פילט מאָדנע גוט אַצינד
און ס'קוועלט אין האַרץ אַ פריידיקער געפיל —
ער וואָלט געגלעט די סאָפּע, ווי מען גלעט אַ קינד,
ער וואָלט אַ טשוועקעלע איצט אויפגעהויבן פונעם דיל.

נאָך אַ צי און נאָך אַ קלאַפּ
און נאָך אַ גלעט און נאָך אַ צי:
יאָ, עס האָט געלוינט די אַרבעט דאָ אין שאָפּ,
עס האָט געלוינט די מי.
ער כאַפּט צום שאַכן אַלע וויַיל אַ בליק,
אַט דעם וואָס רופט אים רויטער,
וואָס רופט אים באָלשעוויק.
און ס'דאַכט זיך אים, אַז ניט קיין טשוועקעלעך —
געדאַנקען קלאַפּט דאָס העמערל איצט אויס:

מאָרגן וועלן מיר צום ערשטן מאָל מאַרשירן זאַלבענאַנד —
דאָס זעלבע ליד אין אונדזער קאָל, די זעלבע פאָן אין אונדזער האַנט.

און גיין מיט אונדז וועט טאָני „וואַפּ" און בערל דער „פּאַרטאַטש".
און צילי, די אָפּרעיטערקע, וואָס האָט דעם סקעב געפּאַטשט.

און גיין וועט אונדזער וואַרנישער, שלוימע דער זאַאיקע,
וואָס לייַ'נט די „פרייהייט" יעדן טאָג און שעלט די באָלשעוויקעס.

און טשאַרלי „שיק", דער פריילעכער, וואָס טוט דיר אָפּ אַ שפּיצל;
און וואו אַ מיידל נאָר אין שאָפּ דערלאַנגט ער איר אַ קיצל.

און גיין מיט אונדז וועט „טאָף גאַי פּיט", דער שיסער פונעם שאָפּ,
וואָס שיסט די סאָפּקעס דורכן טאָג און שיסט אין קרעפּ ביינאַכט.

און „סימכע באָרד", דער פרומער איד, וואָס האַלט זיך אָן אַ זייט,
און האָט אַף אַלץ מיט אַלעמען איין ווערטל בלויז: צאָ'ראַיט.

אַפילע ער האָט מיר געזאָגט: כ'על האַיאָר וואַטשן דעם פּאַראַד;
מאָן וואַב וואָלט מעך דערהאַרגעט, ווען עך מאַרטש ווי אַ סאָלדאַט.

בלייבן בלויז וועט איינער: בעני פּעמפּיק מיטן בויך.
וואָס זאָגט: איך האָב אין דר'ערד די רעכטע און די לינקע אויך.

און ס'וועט דער באָס ווי טאָמיד אין פּלייצע געבן אים אַ קלאַפּ:
בעני, ביזט אָרראַיט: ס'ט נאָך זיין אַ פּאָרמאַן דאָ אין שאָפּ.

און מיר וועלן צום ערשטן מאָל מאַרשירן זאַלבענאַנד —
דאָס זעלבע ליד אין אונדזער קאָל, די זעלבע פאָן אין
אונדזער האַנט.

צוויי זאון צוואַנציק דעם טאָג אָנטקעגן

אין שפּיטאָל

(דעם העלדישן דאָקטאָר עדוואַרד באַרסקי א מאַטאָנע)

1.

אויף אַ שמאָלן בעטל
צוויי זעלנער זאַלבענאַנד.
עס פעלט אַ פוס באַ איינעם,
באַם צווייטן פעלט אַ האַנט.

— ווען איך האָב איצט מיין האַנט, —
טראַכט איינער שטיל באַ זיך
— אַ זעלנער אָן אַ ביקס,
וואָס פאַר אַ ווערט האָב איך?

— ווען איך האָב איצט מיין פוס, —
דער צווייטער ענטפערט אָפּ,
און גראָבט אין קליינעם קישעלע
נאָך טיפער איין דעם קאָפּ.
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

אַף אַ שמאָלן בעטל
צוויי זעלנער זאַלבענאַנד,
עס פעלט אַ פוס באַ איינעם,
באַם צווייטן פעלט אַ האַנט.

דעם טאָג אַנטקעגן דריי און צוואַנציק

2.

אָוונט. ס'איז שטיל אין שפּיטאָל.
עס זשומט פאַרביי אַן עראָפּלאַן.
דער שאַרפער רייעך פון קאַרבאָל
גייט נאָך דער שוועסטערס פלאַטערדיקן שפּאַן.

בעטלעך, בעטלעך נאָכאַנאַנד,
אין יעדן בעט אַן אַנדער פאָלק,
אַן אַנדער לאַנד אין יעדן בעט.
נאָר אַלע שפּראַכן רעדט דער קראַנקן־שוועסטערס האַנט
מיט איין צאַרטן ציטערדיקן גלעט.

און קיינער זאָגט ניט, אַז סע טוט אים וויי,
און קיינער וויל קיין קרעכץ ניט געבן,
מען איז געקומען שטעלן זיך אין ריי,
גרייט — באַצאָלן מיט לעבן.
— — — — — — — — —

אָוונט. ס'איז שטיל אין שפּיטאָל.
עס זשומט פאַרביי אַן עראָפּלאַן.
אַף אַלע בעטלעך קלאַפּן הערצער מיטאַמאָל :
„נאָ־פּאַסאַראַן, נאָ פּאַסאַראַן !"

דאָס ליד פון אַלע לידער

אַ מענטש האָט פיינט דאָס האַרץ זיינס
בלויז אין זיך צו טראָגן;
ער טראָגט עס אַף אַ פאָן
און זינגט עס אויס דער וועלט.
דערפאַר הייבט אָן נאָך האַסטיקער מיין האַרץ צו שלאָגן,
ווען כ׳הער אין ליד דעם טאָן
וואָס מיר געפעלט.

און איך האָב ליב די פאָן פון אַלע פאָנען;
די פאָן פון איין־און־איינציקן קאָליר.
און שטאָלץ בין איך ווען כ׳טו זיך נאָר דערמאָנען:
אַז ס׳רינט איר פאַרב אין יעדן אָדערל אין מיר.

און איך האָב ליב דאָס ליד פון אַלע לידער;
דאָס ליד פון האַס פון יובל און פון שאַל;
דאָס ליד פון אונדזער קריג און אונדזער פרידן —
דעם אינטערנאַציאָנאַל.

דערפאַר האָט זיך מיין שטים אַזוי פאַרמאָסטן
אין פינף־און־צוואַנציק טויזנטיקן כאָר,
ווען ס׳איז אַרויס מיט אַ באַריכט דער כאַווער פאָסטער
„כאַוויירים די פאַרטיי וואַקסט אויס פון יאָר צו יאָר״.

דער זאַל האָט זיך צעכוואַליעט און צעהודיעט
און אַף אַן אָרט געשטאַנען זיינען בלויז די ווענט.
עס האָט די פרייד אַ וואַלד מיט פאָנען אָנגעצונדן,
האָט אַ וואַלד מיט רויטע פאָנען זיך צעברענט.

דעם טאָג אַנטקעגן פינף און צוואַנציק

און אַלע אַכט־און־פערציק שטאַטן מיט אַמאָל
האָבן אָנגעשטעלט די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן;
דורכן לאַנד האָט זיך געטראָגן בראַודערס קאָל —
די פּאַרטיי האָט היינט גערעדט צו אַלע שטאַטן.

אַ מענטש האָט פיינט דאָס האַרץ זיינס
בלויז אין זיך צו טראָגן.
ער טראָגט עס אַף אַ פאָן
און זינגט עס אויס דער וועלט.
— אַמעריקע, איך קאָן מיט פרייד דיר זאָגן:
דער קאָמינטערן גיט דעם טאָן —
דיר, דער גאַנצער וועלט!

לידער פון „פוירנישד רומס״

עס הויבט זיך אָן דער טאָג

ניט מיט פֿויגל־טרעל
און ניט מיט פֿליגל־פּלאַטער פֿון אַ טויב,
נאָר מיט אַ רעווע פֿון אַ פֿליענדיקן „על"
האָט הײַנט דער טאָג בײַ מיר
געטאָן אַ זעץ אין שויב —
כ'בין דאָ—אָ—אָ—אָ—אָ—

ניט קיין שטים קיין צאַרטיץ
האָט געשעפּטשעט שטיל:
— ס'איז שפּעט,
— ס'איז שפּעט . . .
ניט קיין האַנט קיין מילדע
האָט דעם שלאָף אַוועקגעגלעט,
נאָר מיט ווילדן דינג־דאַנג־דינג־געפּילדער
האָט דער וועקזייגער געשאָסן אַפֿן שלאָף,
אַף דער רו
און אַפֿן שלעפֿעריקן גוף.

איז דער טאָג נאָך ניט געקומען,
נאָר די נאַכט איז שוין אַנטלאָפֿן.
ס'האָט דער וועקזייגער געצילט,
געשאָסן
און געטראָפֿן.

און נאָך אײדער ס'איז פֿון שטוב אַרויס
די לעצטע שפּור פֿון נאַכט,
איז דאָס „פֿוירנישד רומינג הויז"
שוין אויפֿגעוועקן און וואַך.
און ס'האָבן אַלטע טירן צווישן זיך אַליין
אויסגעסקריפּעט אַ — גוט מאָרגן
אויף דער טירן־שפּראַך.

טירן ריידן ניט קיין סאַך,
און טירן דאַרף מען ניט פֿאַרשטיין:
אַן עפֿן און אַ סקריפּע —
אַ סקריפּע און פֿאַרמאַכט.

ווייל דאָ אין „פֿוירנישד רומינג הויז"
וואוינען מענטשן איינזאַם און אַליין,
ריידן זעלטן ווען אַ וואָרט אַרויס.
מוז מען זיך אַף טירן־שפּראַך פֿאַרשטיין.
נאָר טירן ריידן ניט קיין סאַך —
אַן עפֿן און אַ סקריפּע,
אַ סקריפּע און פֿאַרמאַכט.

נומער אַכט צי נומער צען

עס הויבט זיך שווער דער קאָפּ פון קישן אויף
און פאַלט אַוועק צוריק —
און הויבט זיך ווידער אויף
אין זעלבן אויגן־בליק.
מיט פאַרקראַמפּטע פינגער
ציען זיך האַלב־וואַך די הענט
און ציען מיט מיט זיך אַ לאַנגן גענעץ אַפּן קאָל.
מען רייסט דאָס לעצטע ביסל שלאָף פון זיך,
ווי מען רייסט אַ צאָן.
עס טוליעט זיך די נאַכט נאָך צו די ווענט,
נאָר אין די אייוורים האָט שוין אָנגעקלאַפּט דער אָל : —
העי ! גיכער דאָרטן, גיך ! —
דער טאָג קומט אָן.

צעכריפּען זיך די שטיגן
אונטער אײַלנדיקע טריט,
ווי זיי וואָלטן יאָרן־לאַנג
געליטן פון בראָנכיט.
און זעלטן ווען, אין טונקלקייט,
בליצט אויף אַ שאַרפער בליק.
דאָס צימער לאָזט מען איבער,
דעם אומעט נעמט מען מיט
און מען ברענגט אים אַפּדערנאַכט צוריק.

נומער זעקס און נומער זיבן,
נומער אַכט און נומער זעקס,
ניט מיט שמעקעדיקער קאַווע,
ניט מיט זעמל און געבעקס
טוט אַ זעץ דאָ פון די טירן
אין פרימאָרגנדיק געאייל —
נאָר מיט טובלעקייט און זשאַווער
און מיט איבלדיקן אַוועט

טוט אַ זעץ דאָ פון די טירן
אין פרימאָרגנדיק געאייל,
ווי די זון וואָלט שוין פאַר יאָרן
אין די טונקלע קאָרידאָרן —
קיינמאָל, קיינמאָל ניט געווײלט . . .

נומער אַכט, צי נומער צען,
וועלכער מענטש איז דאָס געווען,
וואָס האָט אַף האַרטן שמאָלן בעט,
שטילערהייט צו זיך גערעדט,
און אין שטוב אַזוי אַליין
זיך פאַרגאַנגען אין געוויין,
און אַף גיך דאָס פּאָנעם
טיף אין קישן איינגעגראָבן.
נומער אַכט צי נומער צען,
וועלכער מענטש איז דאָס געווען,
וואָס איז אינמיטן נאַכט אַראָפּ,
מיט בראָנפן אָנגעווישט דעם קאָפּ,
ווען ס'האָבן אים געפּיקט אין מויעד
געדאַנקען ווי די ראָבן.

נומער צען, צי נומער — נומער?
יעדער מענטש איז ניט קיין שטומער —
נאָר אין „פּוירנישד רומינג הויז" —
איז מענטש אַריין און מענטש אַרויס.
און זעלטן ווען אין טונקלקייט
בליצט אויף אַ שאָכנס בליק.
דאָס צימער לאָזט מען איבער,
דעם אומעט נעמט מען מיט
און מען ברענגט אים אַפּדערנאַכט צוריק.

אָ, איר וואָס זינגט אַ הימנע צו דער זון

די זון גייט אום פון הויז צו הויז
און זוכט זיך אומעטום אַ פענצטער אויס
און קוקט אַהין אַריין.
נאָר דאָ, באַם „פוירנישד רומינג הויז"
קאָן זי לאַנג ניט שטיין,
ווי מען האַלט דאָ פאַר אַ פרעמדן מענטש
פאַרהאַקט די טיר,
האַלט מען דאָ די פענצטער צוגעמאַכט פאַר איר.
גאַנוועט זי אַמאָל אַריין אַ בליק,
דורך אַ שפּעלטל פון צעריסענעם ראָלעט
און כאַפּט אַרום אַן אָפּגעריבן מעבל־שטיק
און פאַלט פאַרכאַלעשט צו צום בעט.

אָ, איר וואָס זינגט אַ הימנע צו דער זון,
און פלעכט פון אירע שטראַלן אויס
סאָנעטן־קרענץ אַ פולן קויש,
צי ווייסט איר כאָטש דערפון,
אַז דאָ אין „פוירנישד רומינג הויז"
ווערט די זון
אַף בידנעם שפּאָר־געלט אויסגעטוישט?

מיין שאָכן האָט פאַר מיר
זיין האַרץ צוזאַמען מיט זיין טיר
היינט אויפגעמאַכט.
האָב איך אינמיטן העלן טאָג
דערזען באַ אים די נאַכט.

ער וואוינט שוין דאָ דאָס פינפטע יאָר,
נאָר צאָלן צאָלט ער אַף דער וואָך.
אַ צימערל צוויי שפּאַן די גרויס,
צוויי שפּאַן די גרויס — אַ לאָך.

אַ טורמע צעל האָט אויך אַ פענצטערל העט אויבן.
רייסט די זון זיך דורך אַמאָל
דורך גראַטנדיקע שויבן.
אַ קעלער וואו ס׳איז פינצטער און ס׳איז נאַס,
האָט אויך אין ווינקל וואו
אַ שייבל צו דער גאַס.

נאָר מיין שאָכן האָט פיר הוילע טוכלע ווענט
גרוי און קויטיק ווי אין דרויסן דער אַספאַלט.
עס זשיפּעט קוים אַף זיי דער שאָטן
פונעם לעמפל וואָס דאָ ברענט.
די זון האָט דאָ נאָך קיינמאָל ניט געשטראַלט.

נאָר מיין שאָכן האָט אַ לאָך אין מיטן סטעליע, —
אַ שטיק גלאָז אַרומגעזוימט מיט בלעך, —
וואָס לאָזט אַריין דאָס ביסל אָטעם־לופט פון דרויסן
און לאָזט אַרויס דאָס אַלטע ביסל רעך.

אָ, איר וואָס זינגט אַ הימנע צו דער זון,
און פלעכט פון אירע שטראַלן אויס
סאָנעט־קרענץ אַ פולן קויש,
צי ווייסט איר ניט דערפון,
צי ווייסט איר ניט דערפון,
אַז די זון איז אַף דער פריי נאָך ניט אַרויס?

מיין שאָכן דער מאַטראָס

ער האַלט אין איין אַנטלייען זיך באַ ביידע זייטן קאָפּ
אַ צוויי דריי האָר דעם הוילן פּאָרנט צו פּאַרדעקן.
נאָר עפּעס ווי אַף צו לעהאַכעס פּאַלן זיי אַראָפּ
און באָמבלען אום — צוויי נעבעכדיקע עקן.

ס'וואָלט עפּשער שטאַרק געפּאַסט אַן אַלטן פידל־ווירטואָז,
צי אַ פּאָעט פון גאָר די אַלטע צייטן,
נאָר ניט מיין שאָכן, דעם צעווינטיקטן מאַטראָס,
וואָס איז שוין אויסגעווען אַ וועלט מיט וייטן:

אין טראָפּישע זונען דאָס לייב זיך געברוינט,
אין צאָפּנדיקע ווינטן אָנגעשטייפּט די הויט;
פון אַלע וואונדער זיך שוין אָנגעשטוינט
און אויג אַף אויג געזען דעם טויט.

איצט זיצט ער דאָ באַם פּענצטערל —
דער בירגער פון דער וועלט;
דער טאַטואירטער אַנקער אַף דער ברוסט —
זיין איינציקער פּאַספּאָרט —
פון אַלע לענדער האָט זיין שיף זיך אָפּגעשטעלט
באַם „פּוירנישד רום" —
זיין לעצטער פּאָרט.

און ער אַליין איז ווי אַן אַנקער איינגעבויגן,
נאָר ניט קיין אַנקער וואָס פּאַרהאַלט אַ שיף באַם ברעג —
דעם אַנקער האָט מען לאַנג שוין פונעם יאַם אַרויסגעצויגן,
נאָר די שיף וועט קיינמאָל מער שוין —
קיינמאָל ניט אַוועק . . .

זיצט ער דאָ באַם פֿענצטערל
און קוקט אַרויס אין גאַס —
און גאַנוועט פֿון די דעכער צו
אַ בלוי שטיק הימל־פֿאַס.
איין מויער האָט די זון פֿאַרשטעלט,
א צווייטע האָט דעם רוקן אים געגעבן;
צוויי שפּאַן די גרויס איז איצט די וועלט —
און ער באַדאַרף דעם הימל ווי דאָס לעבן.

מיין שאָכן דער אַלטיטשקער

כ'האָב היינט צערעדט זיך מיט מיין שאָכן
(פאַרשטייט זיך אָנגעהויבן פונעם וועטער),
און ריידנדיק אַזוי אַרויפגעקראָכן
אַף דעם, וואָס ס'שרייבן היינט די בלעטער.

— כ'הייב ניט אָן, זאָגט ער, אינגאַנצן צו פאַרשטיין,
וואָס ווילן זיי דאָרט פונעם בידנעם שטיקל כינע?
באַ מיר איז רעכט, אַז ניט יאַפּאַן אַליין,
נאָר אינעם אייסעק האָט אַ האַנט דער קעלעוו, מוסאָלינע,
מיט זיין שוטעף, היטלערוק, יעמאַך שעמוי!
האַ — ניט אַזוי?

ער כאַפּט דעם אָטעם אָפּ,
באַטאַפּט מיך מיט די אויגן;
נעמט אין האַנט אַריין די ווייסע באָרד,
וואָס האָט זיין בלוילעך פּאָנעם ווי אַ וואָלקנדל פאַרצויגן,
טוט אַ נאָס, אַ הוסט, אַ שפּיי,
און הייבט אָן ריידן אַפּדאָסניי:

— מיילע, כינע וועט איר שטעטל שוין באַשטיין.
כאַיעבאָ קאָדמע, זאָגט די הייליקע געמאָרע.
אַ מענטש דאַרף פריער נעמען קער אַף זיך אַליין,
און ווער איז נאָך אַזוי ווי מיר אַף צאָרעס?

היטלער טרייבט, פוילן מאַכט פּאָגראָמען,
און איצט — רומעניע! צום שוואַרצן יאָר —
עס וואַקסן די געזיירעס,
ווי נאָך אַ רעגן שוואָמען!
און ווי עס רעדט פון אַ בעלעמער אַ באַל־דאַרשן,
האָט ער די אויגן מיט די הענט פאַרשטעלט:

— פּשיטיק, לעמבעריק און וואַרשע!
מען שלאָגט, מען שלאָגט פון אַלע זייטן.
דער מענטש איז ניט קיין מענטש,
די וועלט איז ניט קיין וועלט.
דו הערסט —
טאַקע נאָר מאָשיעכס צייטן!

שוין גערעדט פון אידן דאָ און אידן דאָרט
און אידן אומעטום
און געקומען צוריק צום אייגענעם אָרט —
צו אידן אין „פּוירנישד רום".
איך אים — איר,
ער מיר — דו.
ווער איך בין און וואָס איך טו?
פון וואַנען איך קום?
און צי קום איך פון הי?
טו איך אַף ניין מיט די אַקסל אַצי.
פּרואווט ער טרעפן מיט אוקראַינע —
זאָג איך: ניין.
פרעגט ער שוין — אַנו, דעהאַינע?
ענטפער איך: פידאַיעץ.
בלייבט ער שטיין,
קוקט מיך אָן פאַרלוירן,
ווי איינער רעדט — ווי ווערט עס אַ מענטש אין פּידאַיעץ געבוירן?:

און מיר ריידן אַזוי פון אַלץ אין דער וועלט,
ביז מיר קומען אַרויף אַפן דירע־געלט:

— דו זעסט די לאָך?
טוט דער שאָכן אַ מאַך,
דריי טולער אַ וואָך
און ס'איז אויבעט אַסאַך.
אַז באַ זיך קאָן מען אויך שוין ניט טאָן וואָס מען וויל!
אַפילע אַ הוסט מוז מען טאָן אין דער שטיל.
כ'האָב אַנומעלטן מאַוועך סעדרע געווען,
אַזוי מיט אַ שטיקעלע ניגן, —

נו, האָסטו געדאַרפֿט זען,
האָסטו געדאַרפֿט זען
דעם פּסאַק וואָס איך האָב געקריגן!
צוערשט איז אַרויס דער גאַי פֿון נעקס־דאָר,
אָט דער וואָס כראָפּעט באַנאַכט —
(אַז מע הערט יעדן שפּאַן, וואָס מע טוט אַפֿן פֿלאָר
און ניט אַנדערש די וואַנט איז פֿון פּעיפּער געמאַכט).
דערנאָך איז געקומען דער לענדלער אַליין,
דער בייזער דייטשוק,
און ר'האָט גאָרניט געזאָגט נאָר דערלאַנגט אַזאַ קוק —
כ'האָב געמיינט איך זינק איין.

ער וואָלט לאַנג שוין געמופֿט,
נאָר וואוהין זאָל ער גיין?
אַ מענטש אַף דער עלטער,
אַ מענטש אַליין . . .
אַז אַף אַלץ איז אַ יאַקרעס, מאַמעש בראַנד־פֿייער.
נאָר אָט, מען לעבט —
אַביסל פֿון רעליף,
אַ ביסל גיט דער זון צעשטייער.
אַ וואוילער באַי, זיין זון, אַ וואוילער באַי —
נאָר וואָס קומט אַרויס,
אַז ר'איז געוואָרן אַ גאַי . . .

— וואָס הייסט אַ גאַי? — טו איך שוין אַ פֿרעג.
— וואָס זאָל עס הייסן? אַראָפּ פֿונעם וועג:
אוים טפֿילין, אוים שאַבעס, אוים יאָנטעף —
אוים!
וואָס זאָל איך דיר זאָגן —
דער ווייטיק איז גרויס!
דערצו נאָך פֿאַרשווענדט ער דאָס לעבן אומזיסט —
און ווי עפּעס אַ סאַד ער וואָלט וועלן פֿאַרטרויען —
שעפּטשעט מיין שאָכן מיר שטיל אַפֿן אויער:
— מעכל מיין זון — אַ קאָמוניסט!

ער קוקט אַף מײַן פּנים
און זוכט אַ באַשייד —
צי האָב איך פאַרשטאַנען
די ביטערע רייד ?
צי האָב איך דערפילט כאָטש זיין גרויסן צער
און צי איז ער אינגאַנצן שוין טאַקע אַ נאַר,
ווען ער טײַנעט צו מעכלען :

— אַרייט, איך פאַרשטיי,
אַ מענטש וויל באַלאַנגען צו אַ לאָדזש, אַ פּאַרטיי . . .
און איך מײַן דאָך זיין טוויוועס,
איך מײַן עפּעס שלעכטס ?
ווען איך זאָג — אויב שוין יאָ אַ לאָדזש,
זאָל כאָטש זיין עפּעס רעכטס !
פּרואווט ער מיר פּילפּלען, דער גאָיִשער קאָפּ,
אַז היינט דאַרף מען שטעלן אַף לינקס דעם טראָפּ,
ווייל ווי עפּעס רעכטס —
איז לינקס היינט־צו־טאָג.
נו, ווי געפעלט דיר אַ זאָג ?
מיר זאָלן אַזוי ביידע ניט וויסן פון שלעכטס,
ווי איך הייב ניט אָן פאַרשטיין —
רעכטס איז לינקס און לינקס איז רעכטס . . .
און ווער בין איך אַליין ?
ער האָט די באָרד געטאָן אַ גלעט
און פאַרטראַכט אַזוי
צענומען זי אַף ביידע זייטן —
און מיט אַ זיפץ אַ טיפן אין דער באָרד אריינגערעדט
— יאָ, טאַקע נאָר מאָשיאַכס צייטן.

מיין שאָכן דער בעקער

1

צוקאָפּנס וואַכט די בעקעריי
און זעלטן ווען אַז ס'גייט אין מאָלעם זיין געדאַנק.
ער טוט אין שלאָף צומאָל זיך ניט קיין דריי —
די מידקייט איז זיין שלאָף־געטראַנק.

און אַז ס'צעקלינגט זיך אַפּאַמאָל דער וועקער,
איז ווי אַ באַן וואָלט מיט אַן אימפּעט אָנגעלאָפן
און וואָלט געשריגן: בערל־בעקער! בערל־בעקער!
און בערל וויל כאָטש איין רעגעלע נאָך שלאָפן.

ער ווייסט: מען שלאָפט אַצינד אין אַלע שטיבער;
צו אַלע הייזער טוליעט זיך די נאַכט.
אַזויפיל שלאָף האָט זיך אין אים שוין אָנגעקליבן,
נאָר אַז דער זייגער קלינגט איז בערל וואַך.

און ס'הייבט זיך אָן דער אַרבעטס־טאָג אַפּסניי,
ווי נאָר ער גייט אַראָפּ פון זיין געלעגער;
ער גייט און ס'גייט אים נאָך די בעקעריי,
ער גייט און ס'פלאַמט דער אויוון אים אַנטקעגן.

2

אין קעלער הודזשען ניט קיין גלאַנציקע מאַשינען
און ניט פון קאַבליעס איז דער אויוון דאָ געמאַכט ;
דאָ קאָן אַ ברויט אינגאַנצן זיך צערינען,
ווען בערלס אויג וואָלט ניט געוועזן אַף דער וואַך.

ווייל, פונקט ווי דאָס בעסמעדרעש קענגאיבער,
וואָס ציילט אַ מיניען אידן אָדער צוויי,
אַזוי איז דאָ זייט יאָרן נאָך געבליבן
אַף עלען סטריט די אַלטע בעקעריי.

פון ערשטן טאָג איז בערל דאָ דער בעקער,
און ס'האָט זיך גאָרנישט ניט געביטן אַף אַ האָר ;
דאָ רוקט מען נאָך דעם טשאָלנט מיט אַ שטעקן
און אַף „גוט שאַבעס", ענטפערט מען „גוט־יאָר".

צוויי און פערציק דעם טאָג אַנטקעגן

3

ווער עס וויל אַן אייגן הויז,
אַן אויטאָ — אַ שאָפער . . .
בערל וויל אַ שטילע שטוב,
אַ זויבער בעט,
נעכט אַ פּאָר זיך אויסצושלאָפן
און ניט מער.

אַ ווייב האָט בערל אויך אַמאָל געוואָלט,
און קינדער צוויי,
צי עפּשער פיר און זעקס —
און ר'האָט ניט איינמאָל, שטייענדיק אַזוי אין בעקעריי,
געזען זיך אָנקומען אַהיים
מיט ברויט, מיט זעמל און געבעקס;
די קינדערלעך, זיי טאַנצן אַרום אים
און הייבן אָן דעם בייטל אויסצופּאַקן,
ער שטייט און קוועלט,
דאָס ווייב באַטאַפּט דאָס ברויט
און רימט זיין באַקן.
דער טיש איז גרייט,
דאָס בעט איז אָפן,
ער זעצט זיך עסן מיט אַ גרויסן אַפּעטיט;
עסט אָפּ און לייגט זיך שלאָפן.
די קינדער טומלען נאָך.
די מאַמע שטילט זיי איין:
ש־ש־ש, דער טאַטע שלאָפט,
שטיל זאָל זיין.

אַ לעבן אַף אַ היים געשפּאָרט —
און ניט געקענט דערשפּאָרן.
איז אונטערשטרייכן געבליבן אַפן זעלבן אָרט —
נאָר ניט די יאָרן . . .

די יאָרן האָט ער אינעם טייג פאַרקנאָטן;
דאָס טייג צעפּאַסעוועט אַף ברייטלעך און אַף ברויט;
געהיט דעם אויוון, ס'זאָל אַרויס געראָטן,
עס זאָל פון היץ כאָלילע ניט צעפאַלן זיך די הויט.

עס טרעפט
ער שטייט באַם אויסגעמעלטן טיש,
לייגט אוים דאָס טייג אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל
און ווי דאָס טייג
גייט אויף אין אים אַ ליד,
וואָס ר'האָט געזונגען אין דער בעקעריי,
באַ זיך אין שטעטל.

— אוי, מיידל, שיינע מיידל,
דו טוסט מיר שטאַרק געפעלן!
איך בין דערווייל אַ בעקער־יונג,
באַגלייך מיט די געזעלן.

אוי, מיידל, שיינע מיידל,
אַז ס'וועל אַ בעקער ווערן,
וועט מיין מאַזל אויפגיין,
ווי דאָס טייג אין יערן.

אוי, מיידל, שיינע מיידל,
דו שיינסט דאָך ווי אַ כאַלע!
ווען וועסטו מיר זאָגן,
אַז דו ווערסט פאַר מיר אַ קאַלע?

אוי, מיידל, שיינע מיידל,
וועסט באַ מיר האָבן אַלעס —
ברויט אַף אינדערוואָכן
און אַף שאַבעס כאַלע.

בערל האָט געציילט די זעמל און דאָס ברויט,
נאָר קיינמאָל ניט די יאָרן.
די הענט האָבן געציטערט,
די האָר האָבן געגרויט,
ביז אין איינעם אַ טאָג
האָט דאָס האַרץ אים געזאָגט,
אַז ער איז אַלט געוואָרן.

ער איז געבליבן שטיין —
אין די שלייפן האָבן העמערלעך געקלאַפט;
ער האָט געאָטעמט טיף,
ווי איינער באַם פאַרגיין,
געטאָן אַ פאַל
און פאַלנדיק זיך אינעם אויוון אָנגעכאַפט.

דער אויוון האָט ווי אַלעמאָל געפלאַמט,
דאָס וואַסער איז געלאָפן פון די קראַנען;
אין אָט דער רגע האָט זיך בערלען אויסגעדאַכט,
אַז באַם לאַנגן, אויסגעמעלטן טיש
איז אַן אַנדער בעקער שוין געשטאַנען.

דעם טאָג אַנטקעגן פינף און פערציק

6

דער וועג אַהיים האָט זיך געצויגן און געצויגן —
אַ האַלבן טאָג צי עפּשער מער.
דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט זיך פאַרקליבן אין די אויגן
און פון די אויגן איז אַרויס אַ טרער. —
אין פוירנישד רום האָט קיינער ניט אַף אים געוואַרט.
דער אָונט בלויז,
וואָס האָט זיך צוגעלייגט
צום בעט, צום בענקל און צום טיש,
ער האָט אַ מידער זיך אַריינגעשאַרט,
געבליבן שטיין,
דעם קאַלטן שטערן מיט דער האַנט געטאָן אַ וויש;
געהערט ווי ס'ציטערן די ציין,
געפילט ווי ס'ברעכן זיך די קני
און האָט אַ טיפן זיפץ געגעבן.
דער שטומער זייגער איז געהאַנגען אַף דער וואַנט,
ווי אַ מאַציייווע אַף זיין מי —
אַף זיין שווער־פאַרהאָרעוועטן לעבן.

דער פוירנישד רום פּאָרטרעט

אין אַ גרויסער הילצערנער ראַם
ליגט אַ סטאַדע לעמער אויסגעצויגן
און אַן אַלטער קוטשעראַווער לאַם
קוקט אַף מיר מיט שעפּסענע צווײ אויגן.

דעם באַרג צופוסנס האָט אַ טאָל זיך צוגעלייגט
און צוקאָפּנס האָט זיך צוגעלייגט דער הימל;
דער הונט האָט ביזן עק זיך איינגעדרייט
און יאָרן־לאַנג שוין אַז ער כאַפּט אַזוי אַ דרימל.

און יאָרן לאַנג שוין, אַז דער פּאַסטוך, באַ זיין כאַטע,
האַלט אַזוי דעם שטעקן אין דער האַנט —
און יאָרן־לאַנג שוין, אַז דאָס בילד באַדאַרף אַ שמאַטע
און איך — אַן אַנדער בילד שוין אַף דער וואַנט...

ווען אַ מענטש וויינט

1

שוין באַלד אַ יאָר,
אַז צווישן אים און מיר:
אַ צופעליקער שמייכל,
אַ „גוט־מאָרגן" —
און אַ דינע טיר.

ס'טרעפט אָפט:
ס'איז שטיל
און אַף אַמאָל —
מיר שפּאַנען ביידע אויס דעם דיל,
ווי ס'וואָלט דער זעלביקער געדאַנק
געמאָסטן ביידנס טריט.
ס'טרעפט אָפט:
ער פייפט אַ לידל צו,
כאַפּ איך אונטער — פייף איך מיט.
נאָר כ'האָב נאָך קיינמאָל ניט גערעדט מיט אים
ביז היינט,
ווען ר'האָט אין מיטן העלן טאָג זיך
ווי אַ קינד צעוויינט.

קינדער זיינען גרינג אַף טרערן,
און גרויסע פאַרקוועטשן אַ ליפּ צווישן ציין,
דערפאַר מוז ווי אַזוי צו הערן,
ווען אַ מענטש אין די יאָרן ברעכט אויס אין געוויין.

פיר הוילע װענט.
אַ מענטש.
אַ בענקל און אַ בעט.
דער קאָפּ באַגראָבן אין די הענט,
און אַפן טיש —
אַן עפּל און אַ האַלבער ציגאַרעט.

ער האָט געהעשעט, װי אַ קינד: נאָך אַ געװיין,
און האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן פון אָרט.
איך האָב געװאָלט אים זאָגן װאָס,
נאָר ס'האָט מיר אויסגעפעלט אַ װאָרט.

דערנאָך האָב איך אים איינגערעדט:
באַ מיר איז װאַרעם און געראַמער.
איז קומט אַריין,
מיר װעלן טרינקען אַ גלאָז טיי צוזאַמען.

האָט ער דעם עפּל מיטגעבראַכט,
און איך האָב אויפגעזאָדן טיי;
ער האָט גערעדט — גערעדט אַ סאַך,
נאָר ניט פון דעם װאָס טוט אים װיי . . .
װי ניט צו אָנרירן אַ װאונד,
װאָס שמאַרצט באַם מינדסטן ריר,
האָט ער אַלץ מיט װייטע רייד פאַרדעקט.
נאָר —
מען קען ניט היילן קיין באַהאַלטענעם געשװיר.
האָב איך געפרעגט. —
— — — — — — — — — — — — —
— עד, האָט ער געטאָן אַ ברום —
װי קאָן אַ מענטש ניט װיי טאָן,
װען ער קוקט זיך נאָר אַרום:
געװען אַמאָל אַ מענטש,
געלעבט מיט מענטשן גלייך;
געהאַט אַ היים,

אַ ווייב,
אַ קינד,
עמעס, דאָס לעבן גייט ניט ווי אַ ווירע גלייך,
נאָר ס'איז נאָך קיינמאָל ניט געווען ווי ס'איז אַצינד.

דער שניי האָט זיך געהורבעט אַף מיין שויב
אַזוי קאַלט, אַזוי שווער,
ווי שווערע געדאַנקען פון פיינלעכע טעג;
ער האָט פון בענקל זיך געטאָן אַ הויב,
זיך אויסגעדרייט, אָפּגעווישט אַ טרער —
און געעגבערט מיט זיין בליק די וואַנט.
האָב איך אַ פרעג געטאָן מיט אויסגעשטרעקטער האַנט:
איר קאָנט דעם מאַן?
ער האָט די אויגן איינגעגראָבן טיף,
ווי ער וואָלט וועלן אים דערקענען.
האָב איך אַרויסגעהאָלפן:
— דאָס איז לענין.
— ער איז טויט שוין דאָס עלפטע יאָר,
נאָר ס'לעבט זיין וואָרט היינט מער ווי טאָמיד;
מער ווי טאָמיד גייט היינט אויף זיין וואָר.
דאָס פּאָנעם איז אים דאַכט זיך יאָ באַקאַנט.
דעם נאָמען האָט ער קיינמאָל ניט געהערט.
און איך האָב אים דערציילט אַסאַך פון יענעם לאַנד,
וואו ס'איז אַ שטאָלץ צוויי האָרעפּאַשנע הענט.
עס האָט די פרייד היינט אין מיין האַרץ אַרומגעשפּאַנט —
איך האָב מיין שאָבן היינט מיט לענינען באַקענט.

די זומערדיקע שאָ

* * *

אין אַ טאָג אַ פּראָסן
(וואָס קאָן פּראָסטער זיין ווי דאָנערשטיק באַטאָג)
האָב איך צעשויבערט דיינע האָר, די רויט־צעלאָזטע,
און דערנאָך פאַרגלעטנדיק געזאָגט:
כ׳האָב דיך ליב.

די זון האָט זיך פאַרשפּילט אויף אונדזער בעט,
און איך האָב זיך פאַרשפּילט מיט דיינע האָר
און האָב מיט זיי אַף גלעט־לאָשן גערעדט —
פון דיינע קוים־קוים אַכצן יאָר.

דיין פּנים האָט מיט זומער־שפּרענקעלעך געבליט,
האָב איך מיט מיינע ליפּן זיי געציילט
און אַלע ווײַלע אָנגעהויבן פונדאָסניי.
די זון האָט מינאָסטאָמע זיך געאיילט,
איז זי אַוועק און אונדז געלאָזן זאַלבעדריט —
מיך און דיך און אָט די ווערטער דריי:
כ׳האָב דיך ליב.

כ׳האָב קיינמאָל נאָך קיין ליבע ליד געשריבן
כאָטש פאַרליבט בין איך פון טאָמיד אָן — פאַרוואָר,
נאָר ס׳דאַכט זיך מיר, אַז כ׳האָב צום ערשטן מאָל היינט אויפגעקליבן
אָט די ווערטער דריי אין דיינע האָר:
כ׳האָב דיך ליב.

* * *

איך שטיי באַם טיר
און ווייס אַליין ניט וואָס צו טאָן מיט מײַנע הענט —
דער דיל פּאָרט אום מיט מיר,
פֿון אַלע זײַטן רוקן זיך אַף מיר די ווענט.

דער קאָפּ איז גרינג און הויל.
איך הער אין קאָפּ דאָס בלוט מײַנס רינען.
די צונג זוכט אום אַ וואָרט אין מויל
און קאָן עס ניט געפֿינען.

דער לאַנגער טיש,
די בענקלעך און דאָס בעט,
דער קליינער טעפּיך אַפֿן דיל
און דער קלאַוויר,
און אַף דער וואַנט דײַן ליכטיקער פּאָרטרעט —
מיר דאַכט זיך אַז זיי שעמען זיך פֿאַר מיר.

* * *

אַט איצט, ווען ס׳ווערט די גאַנצע שטוב אַנטשוויגן,
און ס׳ריידן בלויז די ווענט זיך דורך מיט מיר,
וואָלט גוט געווען דיין טראָט דערהערן אַף די שטיגן
און דערנאָך — אַ קלאַפּ אין טיר.

אַט איצט, ווען פון די ברייטסטע גאַסן
איז ברייטער מיר די קלענסטע שטוב אין הויז,
וואָלט גוט געווען, ווען דו דערלאַנגסט מיר אַ גלאָז וואַסער
און שטייסט דערביי און קוקסט ווי כ׳טרינק עס אויס.

דערנאָך וואָלסטו דאָס גלאָז אַוועקגעטראָגן
און צו מיין בעט זיך אומגעקערט צוריק —
ס׳איז שווער אַמאָל אַ פּאָשעט וואָרט צו זאָגן —
וואָלט איך באַדאַנקט דיך מיט מיין בליק.

און דו וואָלסט אָנגעטאַפּט מיין פיבערדיקן שטערן
און שטיל געבליבן זיצן באַ מיין בעט —
מיר דאַכט איך וואָלט ניט מיד געוואָרן הערן
דאָס שווייגן דיינס וואָס האָט אזויפיל מאָל צו מיר גערעדט.

* * *

װען די זון װעט אַרױס אין באַגינען
און זאָגן גוט־מאָרגן דער װעלט,
װעט זי אונדז שױן מער ניט געפינען,
װי אַמאָל, אין אַ שאָ פון באַגינען,
אַלײן אַף אַן אָפענעם פעלד.

* * *

מיר דאַכט: דו פּלאָנטערסט אויס פון אַלע וועגן
דעם וועג דעם איינציקן — צו מיר.
מיר דאַכט: עס לויפן אַלע טרעפּ דיר איצט אַנטקעגן
און טראָגן דיך געשווינדער צו מיין טיר.

און איך האָב ליב אַזוי די רעגע פון דערוואַרטונג,
ווען אָט־אָט־אָט און דו ביסט דאָ;
מיר דאַכט — דער רויש פון „על" ווערט דעמאָלט צאַרטער,
דער זייגער האַלט אין אָטעם איין די שאָ.

* * *

דערהאַלטן דיין בריוו, און דיין לאַכנדיק קאָל —
דערהערט דורך די עטלעכע ווערטער.
געלייענט דעם בריוו שוין צום דריטן מאָל
און וועל אים נאָך לייענען צום פערטן.

דו פרעגסט ווי איך לעב און דו פרעגסט וואָס איך מאַך, —
אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק פאַרן פרעגן.
איך אַרבעט באַטאָג און שלאָף גוט באַנאַכט
און טו אָן די קאַלאָשן ווען ס׳רעגנט.

ווילסט וויסן מיסטאַמע צי בענק איך נאָך דיר,
און צי טראַכט איך פון דיר אַמאָל איבער?
יאָ, איך בענק יעדן טאָג, ביז דער זייגער האַלט פיר —
און דערנאָך גייט דאָס בענקען אַריבער.

און שטאַרק בין איך איצטער — מאַמעש אַ גוואַר!
מיט האַרטע מוסקולן, מיט האָר אויף דער ברוסט —
און מיין נאָז האָט שוין לאַנג ניט געהאַט קיין קאַטאַר,
און איך האָב שוין לאַנג ניט געגעבן קיין הוסט.

און כ׳טו נאָך אַמאָל אַזאַ הילכיקן לאַך,
אַז מענטשן בלייבן שטיין פאַרכידעשט.

— — — — — — — — — — —

און לידער שרייב איך אויף מיין נאַציאָנאַלער שפּראַך —
אויף אידיש.

* * *

ווּיפיל זומערס אין אַ לעבן?
אין אַ זומער ווּיפיל שאָ?!
כ'האָב אַ זומער דיר געגעבן —
פאַר אַ זומערדיקער שאָ.
איז די שאָ שוין לאַנג אַנטלאָפן —
נאָר דער זומער איז נאָך דאָ.

* * *

כ׳האָב דיך אײַנגעאַנצן שוין פון זיך אַרויסגעזונגען
און דו ביזט שוין ניטאָ אין מיר — ניטאָ.
נאָר אין דעם ליד, וואָס האָט דײַן נאָמען הויך צעקלונגען,
ביזטו געבליבן נאָך — אַ זומערדיקע שאָ.

כ׳האָב דיך אײַנגעאַנצן שוין פון זיך אַרויסגעבענקט
און דו ביזט שוין ניטאָ אין מיר — ניטאָ.
נאָר, אַז ס׳דערמאָנט מיך ווער, איז אַלץ וואָס איך געדענק —
איז בלויז דאָס ליד פון יענער זומערדיקער שאָ.

כ׳האָב דיך אײַנגעאַנצן שוין פון זיך אַרויסגעשריבן
און דו ביזט שוין ניטאָ אין מיר — ניטאָ.
און אַלץ וואָס איז אונדז ביידן נאָך געבליבן —
איז מיר דאָס ליד און דיר — די זומערדיקע שאָ.

* * *

די זון האָט זיך פאַרשפּילט אַף אונדזער בעט,
און איך האָב זיך פאַרשפּילט מיט דיינע האָר
און כ׳האָב מיט זיי אַף גלעט־לאָשן גערעדט: —
פון דיינע קוים־קוים אַכצן יאָר.

דיין פּאָנעם האָט מיט זומערשפּרענקלעך געבליט,
האָב איך מיט מיינע ליפּן זיי געציילט
און אַלע וויילע אָנגעהויבן פונדאָסניי.
די זון האָט מינאַסטאַמע זיך געאיילט,
איז זי אַוועק און אונדז געלאָזן זאַלבעדריט —
דיך און מיך און אָט די ווערטער דריי —
כ׳האָב דיך ליב.

די ווערטער זיינען דאָ. זיי זיינען אָנגעשריבן.
נאָר דו ביזט שוין ניטאָ און זיי — ניטאָ,
און אַלץ וואָס איז אונדז ביידן נאָך געבליבן,
איז מיר דאָס ליד און דיר די זומערדיקע שאָ.

א י נ ה אַ ל ט

1

מיין שטאָם

דעם טאָג אַנטקעגן 5
מיין שטאָם 6
געבורטסטאָג ליד 7
כ׳האָב ליב 9
פון לאַנד צו לאַנד 11
ס׳איז גוט אַמאָל 13
ווינטער 14
אין מיטן גאַס 15
אַ מענטש אַזאַ 17
אָט דאָ האָב איך היינט אָנגעקלאַפּט אין טיר 18
צום ערשטן מאָל 20
אין שפּיטאָל 23
דאָס ליד פון אַלע לידער 25

2

לידער פון „פוירנישד רומס״

עס הויבט זיך אָן דער טאָג 29
נומער אַכט צי נומער צען 31
אָ, איר וואָס זינגט א הימנע צו דער זון 33
מיין שאָכן דער מאַטראָס 35
מיין שאָכן דער אַלטיטשקער 37
מיין שאָכן דער בעקער 41
דער פוירנישד רום פּאָרטרעט 47
ווען אַ מענטש וויינט 48

3

די זומערדיקע שאָ

* * * 53

פון דעם זעלבן מעכאַבער

„דאָס ליכט אויף מיין גאַס"

ניו־יאָרק, 1935

שאַרבלאַט געצייכנט פון זוני מאוד